# דאס אייגענע ליד

(ערצעהלונג)

יחיאל פיינער

א מתנה דעם יובל-העפט
פון בית-יעקב-זשורנאל

דעמאָלט, דעמאָלט, אין די בין-השמשות'דיגע מאָמענטען, ווען עס פערבלאָנדזשעט דער געדאַנק אויפ'ן שיידוועג פון צווייפעל און האָפנונג, און עס ברויזט אזוי שרעקליך דאָס הארץ פאר תשוקה צום מיסטעריעזען אונענדליכקייט.— דעמאָלט פלעגט ער אַ טרייסט ביי זיין גיטארע זוכען.

אין די לירישע טענער, וואָס האָבען זיך טיילווייז צוגאָסען אין אַ סימפאָניע פון זיסע חלומות, פלעגט ער זיך תמיד אָנשטויסען אין אזאַ בת-קול, וואָס האָט איהם געגלעט און געצערטעלט, איהם אויך געגאָסען שמעקענדיגען באַלזאם אויף די בלוטיגע ווינדען פון זיין האַרץ. זיין קערפער פלעגט דאַן זיין אונבעוועגליך, די אויגען ג—טליך פערחלומט, די רעיונות פערקראָכען העט ווייט-ווייט, בלויז זיינע צאַרטע פינגער פלעגען נערוועז טאנצען פון איין סטראָנע צו דער צווייטער ווי די שפרינג-פעדער.

ארכיון אסופות

תמיד פאר די זונען-אונטערגאנגען בעגעגענט מען איהם אין נאָהנטען וועלדעל, זיצען צופיסענס פון א בערגעל מיט זיין שטענדיגע געטרייע חבר'טע — די האַרפע, פעסט געדרוקט צום האַרצען, און ביינאנד חלומ'ן דעם לעבענס-טרוים צושפילענדיג דערביי דאָס לעבענס-ליד...

ס'לאָזט זיך באַלד מערקען. אַז אין דעם עלענדען הארץ קומט פאָר אַ שרעקליכער געפיהלען-קאַמף אויף לעבען און טויט, ס'לאָזט זיך אויך מערקען אין די נערוועזע מעלאָדיען, וואָס יאָגען איינס דאָס אנדערע, כאָטש איינצושלינגען, אַז עס האָבען זיך מסתמא ביי איהם אין הארצען גראָד פערזאַמעלט אַמענגע גרויליכע קשיות און סתם מחשבות, וואָס שטורמען און פייניגען. אָט-אָט וועט פלאצען דאָס געדולד און דער שטילינקער בעשיידענער נזיר, וועט זיך פערוואַנדלען אין אַ ווילדע בעסטיע...

צום גליק געפינט ער זיך אין געזעלשאפט פון זיין געטרייע בעגלייטערין—די הארף, וואָס איז מיט ריטם פיל שטאַרקער ווי די אַלע ווילדע מחשבות און מיט איהרע זיסע טענער פערענטפערט זי קונציג די אלע בייזע קשיות, וואָס האָבען נאָר וואָס געפייניגט מיט אזא זיכערן ברען און פעסטען טעמפעראַמענט, זי טוליעט איהם אין איהר שויס, ווי אַ געטרייע מוטער, מאכט איהם שענער, העכער, טוט איהם באַשירמען פון די אַלע בייזקייטען, וואָס האָבען נאָר וואָס געלויערט אויף זיין נשמה, פערוויגט איהם אין אַ מיסטיש זיסקייט פון איהרע מעלאָדיען און פערפליהט מיט איהם העט, ווייט-ווייט, דאָרט ווי ס'קושען זיך הימעל און ערד...

דרום טאקי האָבען זיך זיינע ערשט מיט בלוט-פערלאָפענע אויגען צוריק אויסגעלייטערט און קוקען מיט אַ ליבליך ווייסקייט, קוקען אין ווייטען אונענדליכקייט און זעהן שענער, ווייסער, העלער, צאַרטער און צוויי טרעהרען ווי פערל, קייקלען זיך פון זיי אַזש אַראָפּ און פאַלען אויף דעם מיסטעריעזען נפש, וועלכעס ער דריקט איצט נאָך מיט מעהר ליבע צום האַרצען און זיינע ליפען קוים שעפּשען, מירמלען:

— האָסט מיך געראַטעוועט!...

הארכיון היהודי

---

אָבער איצט?

איצט, ביי וועמען זאָל ער אטרייסט זוכען? שוין פערלוירען איז איהם געגאַנגען זיין ליבע גיטאַרע, א בייזער צפון-ווינט האָט זי ביי איהם צוגערויבט און אין די האַרבסטיגע אָוועטען בעגעגענט מען איהם צווישען די גרויזאמע בערג און אימהדיגע טאָלען, שפאַנען אַ פערזינקענער אין טרויריגע מחשבות; דאָס טרויערט ער נאָך זיין געטרייע. זיינע טרוימערישע אויגען דריקען אויס אזויפיל צער און ווייטאָג, נישטאָ מעהר פאַר וועמען דאָס ביטערע האַרץ אויסצוגיסען, נישטאָ ביי וועמען א טרייסט צו זוכען... בלאָנקעט ער אזוי אַרום אַ איינזאמער, פון זיין האַרץ טריפען בענקענדיגע טראָפען בלוט, און זיינע פיינליכע אויגען גראָבען שמערצליך צווישען די שראָדלעס זאַמד און זוכען, זוכען...

דעמאָלט בעגעגנען איהם די צייט-קינדער מיט חוזק-בליקען און פרעגען:

— מענש! אָפגעלעבטער, וואָס זוכסטו, אויף די וויסטע פוסטעס? מאָל אונז אויס, וואָס דיין הארץ בעגערט און מעגליך אַז מיר'ן דיר ס'קענען אומקערען.

אַ פריינדין אַ לעבענס-בעגלייטערין האָב'ך געהאַט און ס'טרעהרען זיך ביי איהם דערביי די אויגען, אין די אומעטיגע שעה'ן פון מיין לעבען, ווען עס צאנקט דאָס נשמה-פלעמל, אָט-אָט און ס'ווערט פערלאָשען אָדער ווען, ס'ווערט שטורמיש און ברוגז די געדאַנקען-פאלעס און נעמען שווימען איבער די האַרץ-ברעגען, אָט-אָט פאַלסטו אין איהרע פרעכערישע אָרעמס, און ווערסט פערזינקען אין איהרע ליידענשאַפטליכע תהומות, דעמאָלט פלעג איך געהן צו מיין פריינדין פאַר איהר אויסגיסען מיין ביטער האַרץ און ביי איהר זוכען טרייסט און האָפנונג.

זי פלעגט מיך דאַן נעמען אין איהר שויס, פון איהר מויל האָבען זיך געגאָסען שנירלעך, שנירלעך פערלדיגע מעלאָדיען, און ס'האָט מיך אַזוי דערקוויקט, אַזוי דערפרישט.

איצט —

עלענד, איינזאַם בין איך געבליבען, איהר הייסט איך זאָל זי אייך אויסמאָלען; איז דען פערהאַן דער פענזעל וואָס זאָל בכח זיין זי צו מאָלען, איהר קאָנט נאָר אין דמיון אַרויסרופען דאָס געשטאַלט וואָס זאָל זיך בילדען, ווי אַ געשטאַלט פון אַ פערכשופטע פרינצען, וואָס פיטערט שאָף אויף די הויכע בערג פון תימן, איהר קאָפּ-שאל ווי א באַנד גינגאָלד אויף וועלכען ס'קרייזלט זיך לאָקען-סאמעט שוואַרץ ווי די ראָב, די אויגען ווי טויבען ביי די ברעגען פון וואַסער, זיי וואשען זיך אין מילך און זיצען אויף א דערפילונג, די ליפען שמאָלינקע רויזען, וואָס טריפען מיט בשמים און איבערגאנגס-געווירצען, די לענדען גילדענע זיילען געגאָסען אין תרשיש, געפינטעלט מיט די איידעל-שטיינער, וואָס רופען זיך ספיר און ישפה.

— אָט דאָס איז מיין פריינדין, מיין אינטימע, איהר קינדער פון צייט...

---

אַ ועפיר-ווינטל האָט דעמאָלט געבלאָזען ווען פלוצים ס'האָבען זיך פון ערגיץ דערהערט לירישע סיאָנען, וואָס שוועבענדיג אינ'ם ליידיגען חלל, האָבען דערנאָך זיך צוגאָסען אויף די ווילדע סטעפּעס:

עס טרויערט עס יאָמערט,
עס ביטערט, עס קלאָגט,
נאָך מיר אַ פריינד —
ווען עס נאַכט ווען עס טאָגט.

*

אָבער ווען אין בעסטיאַלע מאָרדען,
שונד און רציחה אלע פערזינקען,
זאָל ווער נאָר שטראָפען אַביסעלע מוסר'ן
מ'איז איהם שוין גרייט צו דערטרינקען...

ביי אזעלכע מענשליכע ליידען
און גייסטיגער פערניכטונג,
האָב איך נישט געמוזט אייך אויסמיידען
און זוכען ריינקייט פאר מיין דיכטונג?

איצט, דיין מענש האָט פערדאָרבען
ריהר מיך נישט אָן מיין קינד
ביז אויך גייסטער וועט האָבען ערוואָרבען
דערווילע זאָל אויף מיר בלאָזען אַ ווינט...

א צומישטער מיט אַרויסגעשטאַרצטע אויגען איז געשטאַנען



בית יעקב-לודז/גליון/שנה ז/גליון 050-051 a הודפס מתוך הארכיון היהודי